בס"ד

# גראמען לכבוד המלוה דמלכה לרגל יום הנשואין ה-25 מוצש"ק פרשת תולדות תשע"ז לפ"ק

**ניגון ידעתי ידעתי .....**

א גוטע וואך ווינטשען מיר, פאר טאטי און מאמי

א גוטע וואך פאר אללע ברודער און שוועסטער, פון דאהי

אז מיר זיצען אללע, ביי די מלוה מלכה דעם שיינעם

לאמיר מיר זיך אדורך שמיסען, אללע אין איינעם.

25 יאהר אזוי שנעל אדורך געלאפען

קוים זענען מיר געווען קינדער אין 33 סינקלער דארטען אין לאנדאן

אזוי פיהל זכרונות פון די געשמאקע יאהרן

לאמיר זיך מאכן פון דעם, א בילד א קלארען

**וגם אם אתאמץ ....**

צו מיינט דאס פאהרען מיט די Previa קיין Klosters אין זוממער

מאמי מסודר מיט אירע "ליסטס" פאר יעדע זאך באזונדער

אוי ווי געשמאק איז צו פארברענגען מיט די משפחה

וואס א טעם האט א האטעל בעמק הבכא,

אזוי פלעגט זיך אנריפען אונזער ראש המשפחה.

**רבון העולמים ....**

יעדען טאג באשמורת הבוקר גאר פרי

שטייט טאטי אויף צום לערנען, מקיים דעם יתגבר כארי

מיט פיל התלהבות צו די גמרא

צו פרעגען א קשיא אדער צו זאגען א סברא

אין דעם ליגט זיין חיות און זיין הנאה

שווימט אין ים התלמוד מיט אביי ורבא.

**רבון העולמים ...**

שוין אלס בחור געווען מקורב גאר נאהנט, ביי ערליכע יודען

אלס חברותא מיט'ן ראש הישיבה ר' לייב אין לערנען זיך געטוהן פארטיפען

געוועץ א בן בית ביי ר' יוס'ל זכרונו לברכה,

אין האט צי איהם געהאט א הערכה

אין אללעס געטוהן על פי זיין הדרכה,

אין אזוי אויף געשטעלט זיין משפחה.

<u>ניגון הנה מה טוב .... [עממי]</u>

אין יעצט לאמיר זיך אביסל דערמאנען

ווען אויף די גאס, זענען מיר געשטאנען

צי געקוקט ווי טאטי איז געווארען א Truck driver

מיט'ן Luton van געברענגט אללע שפילצייג אין קליידער

<u>אוי אוי ... הנה מה טוב ...</u>

אין אונזער סוכה איז נאך אויף פין יענע יאהרען

וואס אויף דעם טיט טאטי נישט קיין מיה שפארען

צי פאר די 'עקסטענשין' פאר'ן טיש, צי פאר'ן שלאק

ער האקט ארויף א לאטע מיט'ן גאנצען קנאק.

<u>אוי אוי ... הנה מה טוב ...</u>

אין ווער דערמאנט זיך דען נישט די געשמאקע סעודות

פיל מיט ווארמקייט, תורות אין חסידות

נאר אריין צוגעבען א פרישקייט אין אונזער לעבען

ווען מיר זענען געזיצען ארום דעם Shabos Table.

<u>ניגון ועתה בנים שירו למלך</u>

טייערע געשוויסטער לאמיר זיך א געבען דערמאן

וואס האט פאסירט דעמאלס אין יענעם זמן

וואס טאטי אין מאמי מיט מסירות נפש האבען געטוהן

פאר זיידי אין באבי נישט געשוינט קיין מיה

צי דאס האט געמיינט לערנען מיט זיידי בחברותא

אדער צו פאסטען ווען זיידי איז אדורך א אפעראציע אין יענע תקופה
ציגרייעטן דאס עסין פינקט ווי זיי ווילען, האט מאמי געוויסט
אפילו עס האט אסאך צייט אין כח גענוצט

**<u>ואשרי עבדיו ...</u>**

אבער נישט נאר פאר זיי זענען זיי געווען איבער געגעבען
אפילו בשעת'ן איבער מאכען דאס הויז האבען זיי נאר פאר אונז געטוהן לעבען
אויף א ווארמע מאהלצייט האט מאמי, קיינמאהל נישט מוותר געווען
אז מיר זאללען האבען ריינע קליידער האט זי אפילו דעמאלס צוגעזעהן

**<u>ואשרי עבדיו ...</u>**

אין צידערצו דארף מען אויך דערמאנען
ווען פאר אונזערע Birthday Party's איז מאמי אין קעך געשאטנען
צי איז געווען א Shwarzwald אדער א Strawberry Shortcake
עס האט אייביג געהאט דעם בעסטען taste !

**<u>ואשרי עבדיו ....</u>**

אין אפילו מיר זענען אמאהל נישט געווען אזוי וואויל
"פארקויף מיר נישט קיין תורות" האבען מיר געהערט טאטי'ס קול
אין אפילו ווען ביי מאמי האבען מיר אויך נישט געהאט קיין 'פראטעקצ'יע'
Es ish mir so lang wie breit איז געווען די רעאקציע

**<u>ואשרי עבדיו ...</u>**

אבער דאס אללעס איז געווען מיט א נעימות אזוי freundlich
אפילו אויב מיר האבען אנגעקוקט טאטי מיט "קעלבענע אויגעל'ך"
דעם כח החינוך וואס עטץ האט'ס אין אונז, אריינגעלייגט
באגלייט אונז נאך היינט, האנד אין האנד.

**<u>ניגון וידעו כי אתה שמך .....</u>**

אז מיר האבען אמאל א Blodsinn געמאכט
Gahts no? , אוי! מאמי האט אינז ביי די מעשה געכאפט

Spinnscht Du? האט זי געטוהן פרעגען

און מיר האבען געדארפט א תשובה געבען

**<u>וידעו וידעו ....</u>**

מען קען נישט פארדעקען דעם הימל מיט לאקשען ברעטער, נאר אמת'דיג אלעמאל

צי מודה זיין איז די בעסטע זאך דאס האבען מיר געוואוסט פון קינד ווייז אהן

**<u>עליון עליון ....</u>**

און נאך איין פרט וואס מיר האבען, שטארק דערהערט אין געזען

אין יעדעם מצב און אין יעדעם זמן, אפילו עס איז נישט געווען באקוועם

**<u>וידעו וידעו .... [למעלה]</u>**

פאר אריינצוברענגען געסט איז אלעמאל דא פלאטץ

און זיי צו סערווירען אויף א גאלדענעם טאץ

בסבר פנים יפות זיי אלעמאל מקבל געווען

ווי לאנג זיי בלייבען האט מען קיינמאהל געטוהן פרעגען

**<u>עליון עליון ....</u>**

די מסירות נפש וואס מאמי האט פאר איהרע עלטערן, איז דאך ממש אין לשער

מיר קוקען צו אין שטוינען, און לויבען איהר דערפאר.

**<u>ניגון אילן אילן במה אברכך ....</u>**

און צום סיום, ווילען מיר בענטשען, א ברכת הדיוט צו אונזערע עלטערן,

אילן אילן אילן במה אברככם,

אז פירותיך מתוקים, צלך נאה, אללע כוחות וואס מען אריינגעלייגט

זאללען ווייטער שיינען אין יעדע געלעגנהייט

אלא אלא אלא אלא אלא יהי רצון

שכל נטיעות וואס עטץ האט איינגעפלאנצט, מיט כוחות גרויסע און טרערען הייסע

בעטען מיר פאר אייך שטענדיג, יהיו כמותך, יהיו כמותך

און געזונד און כח זאל דער אייבישטער אייך באשענקען, תמיד נאר נחת פון אונז צו דערלעבען

שפע פרנסה ברכה והצלחה, פאר אייך און די גאנצע משפחה.